בסופו[71] – אז לע"ל וועט ניט זיין דער ענין פון רצוא ושוב, עס וועט זיין שכינה בתחתונים בגילוי, אין אן אופן פון טוב הנראה והנגלה, למטה מעשרה טפחים,

ובמהרה בימינו ממש.

* * *

כד. אחרון של פסח, ד.ה. דער לעצטער טאג פון פסח אין חו"ל, קומט דאך אויף מארגן נאך שביעי של פסח, במילא קומט אויס, אז ער איז דער אכטער טאג פון דעם ערשטן טאג פסח. ולפי זה, איז פאראן נאך אן ענין מיוחד וואס האט געטראפן ביום זה:

לויט כמה דעות פון חז"ל[72], וואס "אלו ואלו דברי אלקים חיים"[73], איז יצחק געבארן געווארן בט"ו בניסן, דעם ערשטן טאג פסח;

דערפון קומט אויס, אז דער טאג פון זיין ברית מילה, וואס לויט כמה דעות[74] איז דאס דער טאג אויף וועלכן עס שטייט[75] "ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק", ודרשו רז"ל[76] "גדול עולמים הי' שם" – איז דאס דער אכטער טאג פון ט"ו בניסן – אחרון של פסח.

כה. ווי גערעדט כמה פעמים, איז אין אלע ענינים דא דער כלל פון "נזכרים ונעשים"[77], ד.ה., אז בשעת מען דערמאנט א געוויסן ענין וואס האט געטראפן אמאל, "נזכרים" – ווערט "ונעשים", דער ענין חזר'ט זיך איבער ווי ער איז געווען בפעם הראשונה.

דערפון איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו אלע ענינים וואס לפי מנהג כמה קהילות דערמאנט מען זיי אין די פיוטים וואס מ'זאגט די ערשטע נאכט פסח נאך דער הגדה – אז הגם דאס איז א דערמאנונג פון אן ענין וואס האט געטראפן אמאל, ווערט דאס אבער ע"י זה גופא אויפגעטאן נאכאמאל.

ועל דרך ווי דאס איז אין דעם ענין העיקרי פון דער ערשטער נאכט פון פסח, "מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים"[78],

- אז -

---

71) תצא מא, ב. ש"ש סה, סע"ד. 72) מכילתא (הובא בפרש"י) עה"פ בא יב, מא, סדר עולם פ"ה (הובאו בתוד"ה אלא - ר"ה יא, א). תנחומא בא ט. פרש"י עה"פ וירא יח, י. (וראה גם ב"ר פמ"ח, יב). תנחומא וירא יז. ועוד. 73) עירובין יג, ב. 74) פדר"א פכ"ט. תוד"ה שש אנכי - שבת קל, א. וראה בהנסמן בתו"ש עה"פ וירא כא, ח אות נו. 75) וירא שם. 76) ב"ר פנ"ג, י. 77) ל' הכתוב - אסתר ט, כח. וראה רמ"ד בספר תיקון שובבי"ס, הובא ונתבאר בס' לב דוד להחיד"א פכ"ט. 78) הגש"פ פיסקא "עבדים היינו".

אז הגם דאס איז א סיפור פון א מאורע וואס האט געטראפן לפני כו"כ דורות, ווי מ'זאגט אין דער הגדה גופא[79] "וגאל את אבותינו" - אעפ"כ זאגט מען דאך אויך[80] "גאלנו", וויבאלד אז דער ענין ווערט אויפגעטאן אויך איצטער.

דערפון איז פארשטאנדיק אויך בעניננו, בנוגע צו דעם זכרון וואס מ'מאכט דעם אכטן טאג פסח, וואס איז בהמשך צום ערשטן טאג - אז אויך אין דעם איז דא דער כלל פון "נזכרים ונעשים",

דאס הייסט, אז אין דעם טאג פון אחש"פ, ווען מ'דער-מאנט זיך אז דאס איז דער טאג ווען ס'איז געווען דער ברית פון יצחק אבינו - ווערט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט דער ענין וואס איז געווען בפעם הראשונה, וואס דאס איז - ווי דער מדרש[81] זאגט אז יצחק איז געווען דער ערשטער וואס איז נימול געווארן לשמונה;

אין אנדערע ווערטער: יעדן אחש"פ ווערט אויפגעטאן מחדש אט-די מעלה פון ראשון שנימול לשמונה.

כו. די הוראה דערפון וועט מען פארשטיין בהקדם א שאלה אין דעם מדרש הנ"ל:

פון מדרש איז משמע, אז דער ענין פון "נימול לשמונה" האט אין זיך א מעלה; און דאס איז מעלת יצחק וואס ער איז געווען דער ראשון שנימול לשמונה. ולכאורה: וואס איז די מעלה דערפון; מ'געפינט דאך פארקערט, אז ס'איז פאראן א מעלה אין דעם וואס אברהם אבינו האט זיך מל געווען "בן תשעים ותשע שנה"[82]?

וכידוע די תורה פון צ"צ, וואס איז איבערגעזאגט געווארן ע"י כ"ק מו"ח אדמו"ר (און שוין אפגעדרוקט[83], וואס דעמולט איז דאס א פרסום לרבים ולדורות[84]), אז ווען "א איד א צדיק, צו ניין און ניינציק יאר, איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין, איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים".

ולפי זה, ווערט, כאמור, די שאלה בדברי המדרש - וואס איז די מעלה פון יצחק'ן, אין דעם וואס "נימול לשמונה"?

און וויבאלד אז דאס איז א חלק פון תורה, איז מובן,

- אז -

---

79) בברכת "אשר גאלנו", מפסחים קטז, ב (במשנה).
80) שם. 81) וראה ב"ר פ"ם, ה. אוה"ת וישלח ע' רלח.
82) לך לך יז, כד. 83) "היום יום" ע' קג. וראה לקו"ש ח"א פ' וירא; ח"ה כ' מרחשון; שם ע' 321; חט"ו וירא-כ' מר-חשון.
84) דאה לקו"ש ח"ב ע' 522.

אז אין דעם איז פאראן א הוראה נצחית, וויבאלד דאס איז א חלק פון תורה הנצחית.

כז. והביאור בזה:

ס'איז מבואר בכ"מ[85], אז די עבודה פון יצחק'ן איז געווען - "חפירת בארות".

אין עבודת האדם מיינט עס: יעדער איד איז א "באר מים חיים"[86], וואס אויף דעם באר שטייט אין דער שירה[87] "באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם גו'", וואס די שירה זאגן אידן בכל הדורות.

דאס הייסט, אז אזוי ווי ביי א באר כפשוטה (וואס אין ענין יוצא מידי פשוטו) דארף זיין חפירה בעומק האדמה, און עי"ז גייען ארויס די מים חיים על פני האדמה, ביז אז "ההרוה את הארץ והולידה והצמיחה"[88] - אזוי איז אויך יעדער איד בעיקר מציאותו א "חלק אלוקה ממעל ממש"[89], נאר דער "חלק אלוקה" איז אראפגעקומען "מאיגרא רמה לבירא עמיקתא"[90], און מ'האט אים איינגעפלאנצט אין דער "ארץ חפץ"[91], אין א אידישן גוף[92], כדי אז דורך "ישרש יעקב"[93], דורך די השרשה בארץ, זאל ווערן "יציץ ופרח ישראל ומלאו פני הבל תנובה"[94] - אז גאנץ "תבל" זאל ווערן פול מיט "הנובה", מיט פירות, ד.ה. אז די גאנצע וועלט זאל זיין פול מיט אידישקייט, ווארום "מאי פירי - מצוות"[95] (וכמבואר כ"ז בארוכה אין די דרושים עה"פ הבאים ישרש יעקב[96]).

כח. און אין דעם באשטייט דער אויפטו פון דער עבודה פון יצחק'ן:

נוסף לזה וואס יעדערער פון די אבות האט ענינים משותפים לכל האבות, אזוי ווי דער ענין פון "האבות הן הן המרכבה"[97] וכיו"ב - זיינען אויך דא ענינים וואס יעדערער

- פון -

---

85) תו"א הולדות ד"ה ואלה הולדות (יז, סע"ג ואילך). תו"ח ד"ה הנ"ל פ"ד ואילך (א, ג ואילך). ובכ"מ. 86) ל' הכתוב - שה"ש ד, טו. 87) חקת כא, יח. וראה לקו"ת הקת ד"ה אז ישיר (סב, ב ואילך). אוה"ה ד"ה הנ"ל (חקת ע' ההנה ואילך). ד"ה מעין גנים תש"ב (סה"מ תש"ב ע' 133 ואילך).
88) ל' הכתוב - ישעי' נה, י. 89) תניא רפ"ב. 90) ראה חגיגה ה, ב. 91) ל' הכתוב - מלאכי ג, יב. 92) ראה כש"ט (הוצאת קה"ה) הוספות אות מד. וש"נ. מקומות שבהע' 96.
93) ל' הכתוב - ישעי' כז, ו. 94) ל' הכתוב - שם.
95) סוטה מו, סע"א. 96) תו"א שמות נג, ג ואילך. אוה"ת שמות ע' עז ואילך. 97) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

פון זיי האט געפעגט און דורכגעטראסן די וועג פאר אן עבודה מיוחדת וואס "יצוה את בניו ואת ביתו אחריו"[98] צו פירן זיך אין דער עבודה מיוחדת.

און וויבאלד אז "אין קורין אבות אלא לשלשה"[99], איז מובן, אז די ג' דרכי עבודה פון די ג' אבות זיינען דא בא יעדער אידן (כמבואר אין תו"א פ' וארא[100]).

וואס דער דרך פון יצחק'ן איז געווען, אז אפילו ווען עס זיינען געווען "פלשתים" וואס האבן געשטערט צו חפירת הבארות[101], מיטן גאנצן טומל פון "עשק" און "שטנה"[102] - האט אבער יצחק ממשיך געווען אין זיין עבודה, ביז ער איז סוף כל סוף געקומען צו דעם באר וואס ער האט אנגערופן "רחובות", ווייל "הרחיב הוי' לנו ופרינו בארץ"[103], אין אן אופן פון "ואתהלכה ברחבה"[104].

כט. אין דעם ענין פון חפירת בארות גופא קענען אבער זיין צוויי אופנים:

עס קען זיין אז זיין חפירה (זיין גראבן) אין "באר מים חיים", אין א אידישע נשמה, ביז אז דערפון זאל ארויס-קומען "מים חיים" על פני האדמה - זאל נעמען אן אריכות זמן, ביז צו קרוב למאה שנה, עשר כלול מעשר;

עס קען אבער זיין א צווייטער אופן, אז גלייך בא דער ערשטער געלעגנהייט טוט ער שוין אויף דעם ענין.

און דאס איז דער אויפטו פון "נימול לשמונה":

עס איז מבואר אין מורה נבוכים[105], אז דער טעם פארוואס מ'ווארט און מ'איז מל ערשט ביום השמיני, איז - ווייל ביז דעמולט איז נאך דער תינוק זייער שוואך. לפי זה קומט אויס, אז מילה בשמיני מיינט, אז מ'איז מל גלייך ווען מ'האט די ערשטע געלעגנהייט צו מל זיין מצד הבריאות, און עס זאל ניט זיין קיין סכנת נפשות, און דער קינד זאל דאס קענען פארטראגן.

ל. און דאס איז דער אויפטו פון יצחק לגבי אברהם:

דער ענין פון אברהם איז געווען בתחלת העבודה, ווי ער זאגט אין מדרש[106] אז "עד אברהם הי' העולם מתנהג באפילה ומשבא אברהם התחיל להאיר", כמ"ש[107] "מי העיר ממזרח צדק - גו'"; -

------------

98) ל' הכתוב - וירא יח, יט. 99) ברכות טז, ב.
100) בתחלתו. 101) תולדות כו, יט ואילך. 102) שם, כ-כא.
103) שם, כב. 104) תהלים קיט, מה. 105) ח"ג פמ"ט.
106) הובא בכ"מ בדא"ח. וראה ב"ר פ"ב, ג. שמו"ר פט"ו, כו.
107) ישעי' מא, ב. וראה ב"ר שם. וראה ד"ה מי העיר תש"ג (סה"מ תש"ג ע' 137 ואילך).

גו׳"; און דעריבער איז עבודתו געווען בסדר והדרגה, פריער "הכיר את בוראו" וואס אין דעם גופא זיינען געווען כמה דרגות, ווי די דריי דעות בזה[108] ווען דאס איז געווען, וואס "אלו ואלו דברי אלקים חיים": "בן שלש שנים", "בן ארבעים שנה", און "בן ארבעים ושמונה שנה"; און ערשט שפעטער איז ער געקומען צו דער דרגא פון "התהלך לפני והי׳ תמים"[109], בא זיין ברית מילה.

אבער נאך דעם וואס אברהם ושרה האבן דורכגעבראכן די אפילה, און ס׳איז בא זיי געבארן געווארן א זון - איז גלייך בא דער ערשטער געלעגנהייט, "בן שמונת ימים"[110], האט מען אים מל געווען.

ד.ה., אז הגם שפעטער וועט ער טאקע (אויך) גיין בעבודתו מחיל אל חיל, און ווי דאס איז בפשטות, אז ביים ברית איז "תחלת כניסת נפש זו הקדושה" (כמ"ש בשו"ע אדמו"ר הזקן[111]), און דערנאך "כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה"[112] ("תורה צוה לנו משה גו׳"[113]), און דערנאך איז ער מגיע לגיל חינוך, און שפעטער איז ער עולה בעבודתו דרגא אחר דרגא, ביז ער קומט צו "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם"[114], ווי חסידות[115] טייטשט אפ, אז עס ווערן בטל ביי אים אלע העלמות והסתרים -

אעפ"כ, איז דער "בריתי בבשרכם לברית עולם" - גלייך משיצא לאויר העולם.

ס׳איז מערניט וואס וויבאלד אז עס איז דא דער כלל "וחי בהם" , אז עס טאר ניט זיין קיין רצוא אן שוב (אזוי ווי ס׳איז געווען בא בני אהרן)[118], נאר א נשמה בגוף דוקא - דעריבער איז מען דאס דוחה ביז דעם יום השמיני; אבער דאס איז א "וחי בהם" וואס תורה זאגט אן עס זאל זיין, אז עס מוז זיין אן עבודה פון א נשמה בגוף - אבער דארטן גופא איז גלייך בא דער ערשטער געלעגנהייט (וואס דאס וועט זיין אין אן אופן פון "וחי בהם") מאכט מען א "ברית עולם", ד.ה. אז אין דעם שוב גופא, אין דעם גוף גופא, איז מען ממשיך דעם

- ענין -

108) נדרים לב, סע"א. רמב"ם הל׳ ע"ז פ"א ה"ג. ב"ר פ"ל, ח. פס"ד, ד. וראה שיחה מוצאי ש"פ נח תש"מ ס"ז ואילך.
109) לך לך יז, א. 110) וירא כא, ד. 111) או"ח מהדו"ת סוס"ד. 112) ספרי (הובא בפרש"י) עה"פ עקב יא, יט.
113) ברכה לג, ד. סוכה מב, א. הל׳ ת"ת לאדה"ז רפ"א.
114) אבות ספ"ה. 115) אוה"ת חקת ע׳ תתיז ואילך. ועוד. וראה גם לקו"ש ח"א ע׳ 26; ח"ה ע׳ 87. ועוד. 116) ל׳ הכתוב - לך לך שם, יג. 117) אחרי יח, ה. וראה יומא פה, ב. וש"נ. 118) ראה בארוכה ד"ה אחרי מות תרמ"ט.

ענין פון "ברית עולם", למעלה מהזמן; ניט לויטן פירוש אז "עולם" איז חמשים שנה[119], נאר "עולם" מלשון תמידות ונצחיות, למעלה מהזמן.

לא. והגם אז מ'דערמאנט ביי א ברית אז דאס איז "בריתו של אברהם אבינו" - קען מען זאגן דעם ביאור בזה, ע"ד המבואר בהענין אז די גאולה העתידה וועט זיין "כימי צאתך מארץ מצרים"[120]; ועד"ז איז מבואר בכ"א[121] אז ס'איז קיין סתירה ניט דערפון וואס דער רמב"ם[122] זאגט אז "אין אנו מלין מפני שאברהם אבינו ע"ה מל עצמו ואנשי ביתו אלא מפני שהקב"ה צוה אותנו ע"י משה רבינו שנימול כמו שמל אברהם אבינו ע"ה" - דערמיט וואס מ'מאכט די ברכה "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו" -

ווייל דער ענין וועלן ער איז געווען בפעם הראשונה איז די נתינת כח והמשכת הברכה וכו' פארבונדן דערמיט;

איז עד"ז בעניננו, אז הגם די מעלה פון "נימול לשמונה" איז געווען בא יצחק'ן - אעפ"כ זאגט מען "להכניסו בבריתו של אברהם אבינו".

לב. די הוראה דערפון אין מעשה בפועל:

א איד קען טענה'ן, אז וויבאלד עבודתו בכל יום דארף זיין אן עבודה מסודרת - וויל ער אז עס זאל זיין אלץ מיט א סדר, פריער "נשמע" און דערנאך "נעשה"; און אפילו אויב ער איז מסכים עס זאל זיין "נעשה קודם לנשמע" - טענה'ט ער אבער, אז עס קען ניט זיין גלייך "בריתי בבשרכם לברית עולם", און ער ברענגט צו זיך א ראי' פון אברהם אבינו, וואס ער האט זיך מל געווען בן צ"ט שנה וכו'.

און אויף דעם איז די הוראה פון יצחק, וואס ער איז דער ערשטער וואס נימול לשמונה, אז גלייך בא דער ערשטער געלעגנהייט, דארף זיין דער "בריתי בבשרכם לברית עולם".

לג. וואס איז דער קשר פון דער הוראה הנ"ל צו אחש"פ? לכאורה איז דאס א הוראה נחוצה בכל יום ויום - און וואס איז דער קשר מיוחד צו אחש"פ (יום מילת יצחק)?

נאכמערער: ס'איז דאך ידוע[123] אז די ג' רגלים, פסח - שבועות -

------------

119) מכילתא (הובא בפרש"י) עה"פ משפטים כא, ו. וראה קידושין טו, סע"א. 120) ראה לקו"ש מסעי תשל"ז ס"ג ובהע' 27 שם. 121) לקו"ש ח"י ע' 44 ואילך. 122) בפיהמ"ש חולין ספ"ז. 123) זח"ג רנז, ב. מנוה"מ להר"י אלנקווה ח"ב הל' ר"ח (ע' 202). טור או"ח סתי"ז. אבודרהם הל' ר"ח.

שבועות און סוכות, זיינען כנגד די ג׳ אבות, אברהם יצחק ויעקב: פסח איז כנגד אברהם וואס ביי אים שטייט[124] "לושי ועשי עוגות", ד.ה. מצות, ווארום עס איז דעמולט געווען פסח[125] (און פסח איז פארבונדן מיט הכנסת אורחים[126], מדתו של אברהם); שבועות, זמן מתן תורתנו, איז כנגד יצחק, ווייל דער שופר פון מ"ת איז געווען מאילו של יצחק[127]; און סוכות איז כנגד יעקב, וואס ביי אים שטייט[128] "ולמקנהו עשה סוכות", כמדובר ומבואר בכ"מ.

איז וויבאלד אז פסח איז כנגד אברהם - איז וואס איז דער קשר פון דער הוראה פון יצחק - מיט אחרון של פסח?

לד. איז דער ביאור בזה:

די ענינים פון יצחק קומען ע"י אברהם, ווייל יצחק איז דאך "בן אברהם", ווי ס׳איז ידוע די הדגשה בזה אז "אברהם הוליד את יצחק"[129], ובמילא איז אויך דער ענין וואס יצחק איז נימול לשמונה - איז געווען ע"י אברהם, וכפשטות הענין, אז אברהם האט אים מל געווען[130].

ונוסף לזה: דאס וואס יצחק איז נימול לשמונה, און דער אויפטו בזה, אז גלייך בא דער ערשטער געלעגנהייט איז דא דער "בריתי בבשרכם לברית עולם" - איז געקומען נאך די עבודה פון אברהם אבינו בסדר והדרגה (כנ"ל ס"ל), ביז נאך דעם ברית פון אברהם אבינו, און נאך דער עקידה מיט כל פרטי׳.

דאס הייסט, אז פון איין זייט איז דער ענין פון נימול לשמונה געווען דוקא בא יצחק, אבער דאס איז געקומען לאחרי העבודה שלפנ"ז, ביז אז דאס איז געקומען ע"י אברהם אבינו, כפשטות הענין.

לה. דערפון האט מען אויך די הוראה, אז בשעת א איד טענה׳ט אז ער איז מאקע מסכים ס׳זאל זיין "נעשה קודם לנשמע", ער טענה׳ט אבער אז כדי דאס זאל זיין "בריתי בבשרכם לברית עולם" - מוז דורכגיין א גאנצער סדר השתלשלות מיט הכנות וכו׳ (כנ"ל) -

אויף דעם איז די הוראה פון "נימול לשמונה", אז

- וויבאלד -

---

124) וירא יח, ו. 125) ב"ר פמ"ח, יב. וראה גם פרש"י עה"פ וירא שם, י. מקומות שבהע׳ 123. 126) ראה שיחה ל"צבאות השם" - יום ה׳, ג׳ דחוהמ"פ ס"ד. 127) פדר"א ספל"א. פרש"י עה"פ יתרו יט, יג. מקומות שבהע׳ הנ"ל. 128) וישלח לג, יז. 129) תולדות כה, יט. וראה לקו"ש ח"א ע׳ 45 ואילך. ח"ג ע׳ 780 ואילך. ח"ה ע׳ 354 ואילך. 130) וירא כא, ד.



הנחה הת׳ בלתי מוגה

וויבאלד מ'האלט נאך דערויף וואס ס'איז געווען די ההחלה און הכנה פון עבודה שלפנ"ז – איז א זיכערע זאך אז עס קען גלייך זיין דער קיום פון "בריתי בבשרכם לברית עולם", אזוי ווי א תינוק בפשטות, אז גלייך ווען ער איז "בן שמונת ימים" איז מען אים מל.

לו. וואס דאס איז אויך אן ענטפער לשאלות רבים: וואס איז דער ענין אין דעם וואס מען נעמט קליינע קינדער וואס ווייסן ניט בין ימינם לשמאלם און מ'איז זיך עוסק זיי צו מזכה זיין מיט מצוות און הידור מצוה וכו'; אויף מארגן וועלן זיי דאס סיי-ווי פארגעסן, און זיי מוזן דאס פארגעסן – וויבאלד זיי זיינען נאך קינדער, און אויך בשעת מעשה וואס מ'האט עס מיט זיי געטאן איז דער ענין ניט נקלט געווארן בשכלם בהבנתם ובהרגשתם?

איז אויף דעם דער ענטפער, כאמור: לכל לראש דארף זיין "ספי לי' כתורא"[131], מ'דארף זיי אנפילן מיט אלע ענינים פון אידישקייט, וויבאלד אז דאס איז א איד, א "באר מים חיים".

איי ער איז נאך ניט ראוי "למכור בנכסי אביו"[132] אדער ער קען נאך ניט טאן קיין משא ומתן מיט מטלטלין – איז דאך דאס ניט געגוג אויף מונע זיין אים לגמרי פון "נכסי אביו"; ואדרבה, פון דעם גופא איז מוכח אז ער האט א שייכות צו "נכסי אביו", ווייל ער איז יורש הכל גלייך משנולד[133] – מערניט וואס מ'דארף צו-ווארטן ביז דאס וועט זיין אין אן אופן פון "וחי בהם", נימול לשמונה.

לז. דערפון האט מען אויך די הוראה במעשה בפועל לעצמו:

ס'איז ידוע די תורה און הוראה וואס דער רבי (מוהרש"ב) נ"ע האט געזאגט, דערציילט און פארשריבן דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר[134], אז בזמן הזה איז די עבודה אין אן אופן פון "חטוף ואכול חטוף ושתי"[135].

וואס לכאורה איז אין דער הוראה גופא מודגש אז פריער איז געווען א זמן וואס ס'איז געווען אן אנדער סדר עבודה – אבער בזמן הזה איז דאס דער סדר.

אין וואס טיילט זיך אוים דער זמן? – דאס איז דער זמן ווען "הנה זה עומד אחר כתלנו"[136] דער זמן ווען עס קומט

- שוין -

---

131) כתובות נ, א. ב"ב כא, א. 132) ב"ב קנו, א. וראה לקו"ת במדבר ב, א. 133) נדה מד, רע"א. 134) ב"מבוא" לקונטרס ומעין ע' 22. 135) עירובין נד, א (ע"פ גירסת הע"י). 136) שה"ש ב, ט. וראה "קול קורא" ב"הקריאה והקדושה" סיון תש"א.

שוין די גאולה העתידה, דורך א "מצוה אחת", במעשה בדיבור ובמחשבה, וואס דורך דעם איז "הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה"[137].

און דעריבער איז איצט די עבודה באופן ד"חטוף ואכול חטוף ושתי", ע"ד ווי דער ענין פון "נימול לשמונה".

לח. און דאס איז דער קשר פון "נימול לשמונה" מיט אחש"פ, וואדום דער ענין פון אחש"פ איז דאך פארבונדן מיט דער גאולה העתידה.

וכמדובר לעיל, אז ע"ד ווי ס'איז דא דער ענין פון יצי"מ בכל יום, אזוי דארף זיין אויך דער ענין פון אחש"פ, גאולה העתידה, בכל יום. ובעבודה איז דאס, כאמור - דער ענין פון "חטוף ואכול חטוף ושתי".

לט. דערפון האט מען אויך א הוראה אין דער עבודה עם הזולת:

בשעת מ'גייט אדוים טאן מיט א זולת, איז ניט נאר אז עס דארף זיין הקדמת נעשה לנשמע אין ענינים שהזמן גרמא, ענינים המוכרחים וואס מ'קען זיי ניט אפשטופן;

נאר אפילו אזעלכע ענינים וואס מ'קען זיי אפשטופן אויף מארגן, ובמילא קען ער טענה'ן אז ער וויל צוגרייטן דעם זולת וכו' - דארף אויך אין זיי זיין הקדמת נעשה לנשמע, ווייל יעדער איד איז דאך אן אייניקל פון אברהם אבינו, און זיין נשמה איז געשטאנען בא הר סיני[138] און האט מקדים געווען נעשה לנשמע אויף אלע ענינים פון תורה[139], כולל אויך דאס וואס "תלמיד ותיק עתיד לחדש"[140].

מ. ויהי רצון, אז פון אחרון של פסח, דער סיום פון חג הפסח, זאל מען בקרוב ממש קומען צום קיום הענין וואס שטייט בסיום מסכת פסחים -

"אבי הבן מברך שתים", "אשר קדשנו במצותיו וצונו על פדיון הבן" און "שהחינו",

ד.ה.[141] אז אבינו שבשמים וועט מברך זיין און ממשיך זיין א המשכה והשפעה למטה צו יעדער אידן מקטן ועד גדול, פון "ראשיכם שבטיכם" ביז "חוטב עציך" און "שואב מימיך",

"על פדיון הבן", דאס הייסט יעדער אידן און אלע אידן, - "בנים" -

---

137) רמב"ם הל' תשובה פ"ג ה"ד. 138) פדר"א פמ"א. שמו"ר פכ"ח, ו. ועוד. 139) שבת פח, א. 140) ראה בהנסמן בלקו"ש ח"י אלול הש"מ הע' 20-21. 141) ראה הגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים כו' (קה"ה תשל"ט) ע' תקכב. שם ע' הקל ואילך.

"בנים אתם לה' אלקיכם"[142], און "בני בכורי ישראל"[143] – איז דער אויבערשטער פודה בפשטות למטה מעשרה טפחים פון אלע ענינים בלתי רצויים, עאכו"כ פון דעם גלות כפשוטו,

און דערנאך גלייך די צווייטע ברכה, "שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה", אז דאס איז נמשך אין דעם זמן און אין דעם חיות וקיום פון יעדער אידן[144], און אין אן אופן פון וקיימנו, אן עבו-דה בר קיימא, עבודה שאין לה הפסק, ביז "הגיענו", עס זאל אים אנרירן[145], ביז עס זאל ווערן זיינע א זאך,

ביז אידן ענטפערן "אמן", וואס דעמולט טוט זיך אויף כביכול דער "גדול העונה אמן יותר מן המברך"[146], "מוסיפין כח בגבורה של מעלה"[147].

און דערפון קומט ארויס אז דער אויבערשטער איז שמח מיט אידן, וויבאלד אז "ושב ה' אלקיך את שבותך"[148], "והשיב לא נאמר אלא ושב, מלמד שהקב"ה שב עמהן מבין הגליות", ווי די גמרא[149] זאגט, איז בה-דאך אז בא אידן איז "שמחה עולם על ראשם"[150] – עאכו"כ אז ביים מקור האמיתי און מקור האמת איז דא דער ענין השמחה, און א שמחה שלא בערך.

און דערפון ווערט נמשך אין דער שמחה פון יעדער אידן, עס זאל זיין "ושמחת בחגך"[151] – די שמחה אין דעם חג הגאולה העתידה לבוא במהרה בימינו ממש, ולמטה מעשרה טפחים, אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין"[152], ובשמחה ובטוב לבב.

* * *

כא. מ'האט גערעדט פריער (ס"ו ואילך), געגנומען פון דער שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (וואס איז שוין אפגעדרוקט), אז די ימים האחרונים פון חג הפסח זיינען פארבונדן מיט דער גאולה העתידה, און דאס איז דער טעם פארוואס מ'לייגט אפ מאכן ברכת "שהחינו" בימים האחרונים דפסח – אויף שפעטער, ווען עס וועט קומען די גאולה; ניט שפעטער לאחר זמן, נאר "מיד", ווארום "מיד הן נגאלין".

ועפ"ז יש לבאר בדרך אפשר (ווי שוין גערעדט אמאל, כאמט בפירוש האב איך דאס ניט געהערט) – דאס וואס כ"ק מו"ח

- אדמו"ר -

---

142) ראה יד, א. 143) שמות ד, כב. 144) ראה סה"ש תש"ה ע' 55 ואילך. לקו"ש ברכה-שמח"ת תשל"ד ס"ז ואילך. 145) ראה לקו"ת ד"פ שמיני (יח, סע"א). 146) מס' נזיר בסופה. 147) איכ"ר פ"א, לג. 148) נצבים ל, ג. 149) מגילה כט, א. וראה פרש"י עה"פ. ועוד. 150) ישעי' לה, י. נא, יא. 151) ראה טז, יד. 152) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.



הנחה הת' בלתי מוגה